**אויף תיכף ארויסצוגעבן:** 7/20/2022 **גאווערנער קעטי האוקול**

**גאווערנער האוקול אנאנסירט אז פארטעל איז איצט אפן פאר 30 מיליאן דאלער אין נאך פעדעראלע פינאנצירונג צו פארברייטערן עקזיסטירנדע טשיילד-קעיר פראגראמען אין טשיילד-קעיר מדבריות**

גאווערנער קעטי האוקול האט היינט אויסגעמאלדן אז דער פּאָרטעל איז איצט אפן אויף זיך צו ווענדן פאר 30 מיליאן דאלער אין פעדעראלע גרענט פינאנצירונג צו פארברייטערן עקזיסטירנדע טשיילד-קעיר פראגראמען אין ערטער פונ'ם סטעיט מיט נישט גענוג טשיילד-קעיר, באקאנט אלס 'טשיילד-קעיר מדבריות'. די געלטער, וועלכע זענען א טייל פון דעם 100 מיליאן דאלערדיגע טשיילד-קעיר מדבריות איניציאטיוו באוויליגט אין דעם פינאנץ-יאר 2022 דורכגעפירטער בודזשעט, ווערן צוגעשטעלט דורך דער 'אַמעריקען רעסקיו פּלען' אקט און וועט אדמיניסטרירט ווערן דורך דער ניו יארק סטעיט אפיס פון קינדער און פאמיליע סערוויסעס.

"אלס א יונגע מאמע, האב איך געדארפט פארלאזן מיין דזשאָב צוליב א חסרון אין צוטריט צו טשיילד-קעיר, דערפאר ווייס איך ווי וויכטיג דער לעבנס-ליניע איז פאר עלטערן וואס ארבעטן," **האט גאווערנער האוקול געזאגט.** "די פינאנצירונג וועט העלפן פארברייטערן הויכע-קוואליטעט טשיילד-קעיר צו באקומען פאר ניו יארקער און אפשאפן טשיילד-קעיר מדבריות לענגאויס ניו יארק סטעיט מיט אונזער היסטארישער 7 ביליאן דאלערדיגע אינוועסטירונג אין טשיילד-קעיר אלס טייל פון דעם סטעיט בודזשעט, זעצן מיר פאר ווייטער צו פארזארגן פאר עלטערן די העכסט-נייטיגע שטיצע אלס טייל פון אונזער עקאנאמישע ערהוילונג."

די גרענטס וועלן העלפן עקזיסטירנדע טשיילד-קעיר פארזארגער אין אונטערסערווירטע ערטער, און דער פארבעט פאר אפליקאציעס (RFA) האט צוויי טיילן. דער ערשטער טייל פאקסירט אויף פארברייטערן טשיילד-קעיר אין עקזיסטירנדע דעי-קעיר צענטערס און סקול-עלטער טשיילד-קעיר פראגראמען, מיט צוגאב פינאנצירונג פאר די פלעצער ספעציפיש באשטימט פאר פיצעלעך, גאר קליינע קינדער און / אדער קינדער מיט ספעציעלע באדערפענישן. דער צווייטער טייל פון דעם RFA באנעמט זיך מיט דאס פארברייטערן ספעציפישע סארטן טשיילד-קעיר אין עקזיסטירנדע קלענערע טשיילד-קעיר צענטערס, פאמיליע טשיילד-קעיר פראגראמען און גרופע פאמיליע טשיילד-קעיר פראגראמען — וועמענס איצטיגע צאל איינגעשריבענע איז קלענער ווי די פולער צאל מעגליך — איבערהויפט פאר פיצעלעך און גאר קליינע קינדער אדער קינדער מיט ספעציעלע באדערפענישן, אדער אויב דער פראגראם וויל זיך פארברייטערן אויף אריינצורעכענען נישט-געווענליכע שעה'ן.

ערלויבטע אויסגאבן נעמען אריין פראגראם אנטוויקלונג אויסגאבן און קורץ-טערמיניגע פראגראם אפעראציע אויסגאבן, אריינגערעכנט:

- פערסאנאל אויסגאבן, אריינגערעכנט פעיראָל, געהאלטן, ענליכע ארבעטער באצאלונג, ארבעטער בענעפיטן, רעטייערמענט אויסגאבן און בילדונג אויסגאבן

- שטיצן שטאב אויסגאבן פאר באקומען קאָוויד-19 וואקסינען
- רענט אדער באצאלן אויף סיי וועלכע מאָרטגעדזש און יוטיליטיס
- הוצאות אויף טרענירן און טעכנישע הילף, אריינגערעכנט פראפעסיאנעל אנטוויקלונג, ביזנעס טרענירונגען און ביזנעס סערוויסעס

פארזארגער קענען דרוקן דא פאר מער אינפארמאציע איבער דעם RFA. גרענט אפליקאציעס וועלן אנגעהויבן אנגענומען ווערן פון יולי 20, 2022, ביז אוגוסט 24, 2022, מיט אויסטיילונג מעלדונגען באשטימט אויף סעפטעמבער.

דער פינאנץ-יאר 2023 בודזשעט אנטהאלט א היסטארישע אינוועסטירונג צו פארברייטערן צוטריט צו הויכע קוואליטעט טשיילד-קעיר אויף צו שטיצן קינדער און פאמיליעס און העלפן סטימולירן ניו יארק סטעיט׳ס אנגייענדע עקאנאמישע ערהוילונג. עס אנטהאלט א פרעצעדענטלאזע 7 ביליאן דאלערדיגע אינוועסטירונג אויף א פיר-יעריגע צייט אפשניט און הענערט דעם איינקונפט מאקסימום פאר טשיילד-קעיר שטיצע אין אוגוסט 2022 אויף 300 פראצענט פונ׳ם פעדעראלן ארעמקייט שטאפל (83,250 דאלער פאר א פאמיליע מיט פיר מיטגלידער) — און ציעט אויס בארעכטיגקייט צו איבער האלב פון אלע יונגע קינדער אין ניו יארק סטעיט.

**ניו יארק סטעיט אפיס פאר קינדער און פאמיליע סערוויסעס קאמיסיאנערין שיילע דזשעי. פול האט געזאגט,** ״די גרענטס שטיצן ווייטער אונזערע טשיילד-קעיר פארזארגער, וועלכע זענען דער רוקנביין פון דער אינדוסטריע, און אונטערשטרייכן די וויכטיגקייט פון טשיילד-קעיר צוטריט פאר פאמיליעס מיט פיצעלעך אדער גאר קליינע קינדער און קינדער מיט ספעציעלע באדערפענישן, און די וועלכע נייטיגן זיך אין דעקונג אין נישט-געווענליכע שעה׳ן.״

פאר דער פינאנצירונג געלעגנהייט באדייטעט טשיילד-קעיר מדבריות אלס צענזוס שטחים וואו עס זענען פאראן דריי אדער מער קינדער אונטער פינף יאר פאר יעדע פאראנענע טשיילד-קעיר זיץ, אדער עס זענען נישט פאראן קיין שום טשיילד-קעיר זיצן אין דעם שטח. באזירט אויף די באדינגונגען ווערט איבער 60 פראצענט פון ניו יארק סטעיט גערעכנט אלס טשיילד-קעיר מדבריות. אלע צענזוס שטחים אין ניו יארק סטעיט זענען אויסגערעכנט לויט די צאל זיצן עס איז פאראן, און פאטענציעלע טשיילד-קעיר פראוויידערס קענען איבערקוקן דער טשיילד-קעיר מדבריות מאפע צו געפונען פאסיגע געגנטער. נאך איינצלהייטן איבער בארעכטיגקייט און פאדערונגען פאר דעם גרענט קען מען געפונען אין דעם RFA.

###

נאך נייעס קען מען באקומען ביי www.governor.ny.gov
ניו יארק סטעיט | עקזעקיוטיוו טשעימבער | press.office@exec.ny.gov | 518.474.8418

זיך אויסשרייבן